# גרינס אויף שבֿועות
# שלום עליכם

א.

ערבֿ שבֿועות האָב איך אויסגעבעטן בײַ דער מאַמע, עליה השלום, איך זאָל מיר אַליין גיין הינטער דער שטאָט, אָנרײַסן און ברענגען אַהיים גרינס אויף שבֿועות.

און די מאַמע האָט מיך געלאָזט איינעם אַליין גיין הינטער דער שטאָט, אָנרײַסן און ברענגען אַהיים גרינס אויף שבֿועות. לאָז זי האָבן דערפֿאַר אַ ליכטיקן גן־עדן.

אַן אמתע נסיעה קאָן מען אָנרופֿן נאָר די נסיעה, וואָס אַ מענטש מאַכט איינער אַליין, אָן חבֿרים, אָן אַ שום איבערשלאָג. איך בין מיר איינער אַליין, אַ פֿרײַ פֿייגעלע, אין דער גרויסער ברייטער וועלט; איבער מיר איז די גאַנצע גרויסע בלויע יאַרמלקע, וואָס מע רופֿט זי „הימל“; מיר איינעם אַליין לײַכט די שיינע ליכטיקע טאָג־מלכּה, וואָס מע רופֿט זי „זון“; פֿון מײַנעט וועגן אַליין האָבן זיך עס צונויפֿגעקליבן דאָ, אין פֿרײַען פֿעלד, די אַלע זינגערס, מיט אַלע פֿײַפֿערס, מיט אַלע שפּרינגערס, און נאָר צוליב מיר אַליין האָט זיך צעגומען די שמעקנדיקע רויז, צעשפּרייט דער לאַנגער, דער געלער „סאָנישניק“, צעצוויקלט און צעשפּרענקלט דאָס גאַנצע ברייטע פֿעלד מיט אַלע אַנטיקלעך פֿון דער מילדער נאַטור. קיינער קוועטשט מיך נישט. קיינער שטערט מיר נישט, קיינער זעט מיך נישט, אַ חוץ גאָט, און איך קאָן מיר טאָן וואָס איך וויל: וויל איך — זינג איך מיר אַ שיינעם „כּבֿקרת“. וויל איך — שרײַ איך משוגענערווײַז און רײַס זיך אויפֿן האַלדז. וויל איך לייג איך צונויף די האַנט, ווי אַ שופֿר, און בלאָז מיר אַ „תּקיעה גדולה“ און שפּיל מיר אַ „טרובאַטש“. וויל איך — טו איך מיך גאָר אַ וואַלגער, ווי איך שטיי און גיי, אויפֿן גרינעם גראָז און קאַטשע מיך אויף אַלע זײַטן, ווי אַ לאָשיקל. ווער וועט מיר זאָגן אַ דעה און ווער וועמען הער איך? איך בין פֿרײַ! איך בין פֿרײַ!

דער טאָג איז געווען אַזוי וואַרעם, די זון אַזוי שיין, דער הימל אַזוי לויטער, דאָס פֿעלד אַזוי גרין, דאָס גראָז אַזוי פֿריש, און אויפֿן האַרצן איז מיר געווען אַזוי גרינג, און אויף דער נשמה אַזוי גוט, אַז איך האָב גאָר פֿאַרגעסן, אַז איך בין דאָ אַ ווילד־פֿרעמדער און אַז איך בין אַרויסגעקומען אַהער צו אָנרײַסן גרינס אויף שבֿועות, און האָב מיר פֿאָרגעשטעלט, אַז איך בין דאָ אַ מושל, אַ פּרינץ, און דאָס גאַנצע פֿעלד, וואָס מײַן אויג כאַפּט־אַרום, מיט אַלצדינג וואָס אין פֿעלד, און אַפֿילו מיט דעם גאַנצן בלויען שטיק הימל — דאָס אַלץ געהערט צו מיר, איך בין דערויף דער איינציקער בעל־הבית, און א י ך האָב דערויף צו שאַפֿן — און ווײַטער קיינער נישט. און ווי אַ מושל, וואָס אים אַלץ געהערט און ער אויף אַלץ געוועלטיקט, הייבט זיך מיר אָן וועלן אַרויסבאַווײַזן מײַן ממשלה, מײַן כּוח און מײַן גבֿורה — אַלץ וואָס איך קאָן און וואָס איך וויל...

קודם כּל געפֿעלט מיר נישט אָט דער לאַנגער דראָנג מיט דעם געלן היטל (דער סאָנישניק), וואָס באַקומט מיט אַ מאָל בײַ מיר אין די אויגן אַ פּנים פֿון אַ שׂונא, אַ מין „גלית הפּלישתּי“. און די אַלע איבעריקע פֿלאַנצונגען, מיט שטעקלעך און אָן שטעקלעך (באָב און פֿאַסאָליעס) — דאָס זענען לויטער שׂונאים, דאָס זענען די „פּלשתּים“, וואָס האָבן זיך באַזעצט דאָ בײַ מיר אויף מ ײַ ן ערד, — ווער האָט געשיקט נאָך זיי? און יענע נידעריקע, די גראָבע מיט די גרינע קוטשמעס, וואָס זיצן אַזוי געדיכט, האַרט בײַ דער ערד (קרויט), — וואָס טוען זיי דאָ די דאָזיקע קוטשמעס? זיי וועלן זיך נאָך אָנשיכּורן און טאָן מיר אַן אומגליק... לאָזן זיי גיין אין דער ערד אַרײַן — איך דאַרף זיי נישט! און בייזע מחשבֿות, ווילדע אינסטינקטן וואַכן־אויף אין מיר, און אַ מאָדנע געפֿיל פֿון נקמה נעמט מיך אַרום דורך און דורך, און איך הייב זיך אָן נוקם זײַן אין די שׂונאים — און נאָך ווי אַזוי נוקם זײַן!...

געהאַט האָב איך מיט זיך, אויף אָנצורײַסן גרינס אויף שבֿועות, מיטגענומען כּלי־זיין: אַ מעסערל מיט צוויי קלינגלעך און אַ שווערד, אַפֿילו אַ הילצערנס, נאָר אַ שאַרפֿס.

דאָס דאָזיקע שווערד איז בײַ מיר פֿאַרבליבן פֿון ל"ג־בעומר. און כאָטש איך בין מיט דעם געגאַנגען ל"ג־בעומר אויף מלחמה מיט מײַנע איבעריקע חבֿרים הינטער דער שטאָט, פֿון דעסטוועגן קאָן איך אײַך שווערן (איר מעגט מיר גלויבן אָן אַ שבֿועה), אַז עס האָט נישט פֿאַרגאָסן קיין איין טראָפּן בלוט. דאָס איז געווען אַ כּלי פֿון דעם מין כּלי־זיין, וואָס דאָס מיליטער טראָגט בשעת שלום. ס'איז טאַקע, הייסט עס, נישטאָ קיין שום סימן פֿון מלחמה, שטיל און רויִק אַרום און אַרום, נאָר גאָרנישט, גלאַט אַזוי, פֿון „דרך־שלום“, וועגן, לאָזן זיך שטיין צוגעגרייט שווערדן, ביקסן, האַרמאַטן, קאַנאָנען,

פֿערד, סאָלדאַטן — הלוואַי זאָל מען זיי נישט באַדאַרפֿן, ווי מײַן מומע עטל פֿלעגט זאָגן, בשעת זי האָט געפּרייגלט מאַלענעס...

ב.

דאָס איז ידוע אויף דער גאַנצער וועלט, אַז בשעת מלחמה צילט מען זיך טרעפֿן דעם עלטערן, דעם אָפֿיציר; דעם גענעראַל אַז מע קאָן טרעפֿן, איז נאָך בעסער; דעמאָלט פֿאַלן שוין במילא די סאָלדאַטן, אַזוי ווי שטרוי. דערפֿאַר וועט אײַך שוין קיין חידוש נישט זײַן, וואָס איך בין צום אַלעם ערשטן אָנגעפֿאַלן אויף דעם „גלית הפּלישתּי“, אים דערלאַנגט מיט דעם שווערד אַ געשמאַקן האַק איבערן קאָפּ מיטן געלן היטל און היפּשע עטלעכע זעץ פֿון הינטן, — און דער רשע האָט זיך אויסגעצויגן, ווי לאַנג ער איז, פֿאַר מײַנע פֿיס. נאָך אים האָב איך אַנידערגעלייגט נאָך היפּשע עטלעכע געזונטע רשעים, די שטעקנס פֿון זייערע הענט אַרויסגעריסן און פֿאַרוואָרפֿן צו אַלדי שוואַרצע יאָר. און די נידעריקע די גראָבע, מיט די גרינע קוטשמעס, האָב איך גענומען צו דער אַרבעט גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן: ווען איך האָב געקאָנט, האָב איך אַראָפּגענומען די גרינע קוטשמע, און די איבעריקע האָב איך געטראָטן מיט די פֿיס, געמאַכט פֿון זיי אַ תּל־עולם!

בשעת מלחמה, אַז דאָס בלוט צעהיצט זיך און מע גייט־אַרײַן אין התפּעלות, שנײַדט מען אויף וואָס די וועלט שטייט. אַז מע האַלט בײַ פֿאַרגיסן בלוט, פֿאַרלירט מען זיך און מע ווייסט נישט, וווּ מע איז אין דער וועלט. דעמאָלט לייגט מען נישט קיין כּבֿוד אויף קיין עלטערס, מע קוקט נישט אויף קיין שוואַכע פּרוי, מע האָט נישט קיין רחמנות אויף קיין קליינע קינדער, און בלוט, בלוט גיסט זיך, אַזוי ווי וואַסער... איך, בשעת אָנפֿאַלן אויף דעם שׂונא. האָב נאָך נישט געפֿילט אין זיך אַזאַ כּעס מיט אַזאַ ברען, ווי נאָך די ערשטע עטלעכע גוטע קלעפּ, וואָס איך האָב אײַנגעטיילט דעם שׂונא; נאָר וואָס ווײַטער האָב איך מיר אַלץ מער געהיצט, זיך אַליין אונטערגעגעבן אַלע מאָל מער חשק, און איך בין אַזוי אַרײַן אין דער אַרבעט, איך בין געווען אין אַזאַ עקסטאַז, אין אַזאַ רציחה, אַז וואָס ס'איז מיר געקומען פֿאַר די אויגן — דאָס האָב איך געבראָקט, געשניטן אויף אַלע זײַטן, און מער פֿון מיר געליטן האָבן פֿון אַלעמען נעבעך „קליינוואַרג“... די יונגע קײַלעכיקע אַרבוזלעך, קאַבאַקלעך מיט די גראָבע בײַכלעך, די קליינע פּיצלעך אוגערקעלעך, וואָס קריכן נאָר־וואָס אַרויס פֿון דער גרינער „האָדענע“ מיט די געלע גאָפּלעך, — זיי האָבן מיך צערייצט נאָר מיט זייער שטילשווײַגן און מיט זייער קאַלטקייט; און איך האָב זיי אײַנגעטיילט אַזוי, אַז זיי וועלן מיך האָבן צו געדענקען: איך האָב געהאַקט קעפּלעך, געשניטן בײַכלעך, געריסן אויף דער האַלב, געבראָקט אויף שטיקלעך, צעשלאָגן, צעהרגעט, געמזיקט אויף טויט, — לאָז מיך אַזוי וויסן שלעכטס, ווי איך ווייס, פֿון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ רציחה! אומשולדיקע קאַרטאָפֿליעס נעבעך, וואָס זענען געזעסן טיף אין דער ערד, האָב איך פֿון דער ערד אַרויסגעגראָבן און האָב זיי מוסר מודיע געווען, אַז פֿון מיר באַהאַלט מען זיך נישט!... יונגן קנאָבל מיט גרינע ציבעלקעלעך האָב איך אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל, רעטעכלעך זענען געפֿלויגן בײַ מיר, ווי די האַלעשקעס און לאָז מיך גאָט שטראָפֿן, אויב איך האָב נהנה געווען אַפֿילו אַ שטיקל רעטעך, וואָרעם איך געדענק גאַנץ גוט פֿון דער מגילה די ווערטער: „ובֿבזה לא שלחו את ידם“, ראַבעווען האָבן יידן נישט געראַבעוועט... און אַלע מינוט, אַז דער יצר־הרע איז געקומען צו מיר און מיך אָנגערעדט, איך זאָל געניסן אַ ציבעלקע, פֿאַרזוכן אַ קנאָבעלקע, איז מיר דער פּסוק פֿון דער מגילה געקומען אַקעגן מיט די ווערטער, מיטן טראָפּ און מיט דער נגינה: ובֿבזה לא שלחו את ידם!... און איך האָב נישט אויפֿגעהערט צו שלאָגן, האַקן, בראָקן, מזיקן, ממיתן און שנײַדן אויף שטיקלעך יונג און אַלט, קליין און גרויס, אָרעם און רײַך, אָן אַ שום רחמנות...

אַדרבא, איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט, אַז איך הער זייער שרײַען מיט זייער וויינען מיט זייער בעטן זיך בײַ מיר און עס זאָל דאָס מיך אָנהייבן אַרן! מערקווערדיק! איך, וואָס האָב נישט געקאָנט זען, ווי מע קוילעט אַן עוף, ווי מע שמײַסט אַ קאַץ, ווי מע באַליידיקט אַ הונט, ווי מע שלאָגט אַ פֿערד, — זאָל איך זײַן אַזאַ מין טיראַן, אַן אַכזר?!... „נקמה! — האָב איך אַ פֿאַרשיכּורטער נישט אויפֿגעהערט צו שרײַען. — נקמה! איך וועל זיך מיט אײַך אָפּרעכענען פֿאַר יידיש בלוט! איך וועל אײַך שוין באַצאָלן פֿאַר ירושלים, און פֿאַר ביתר, און פֿאַר די יידן אין שפּאַניע מיט פּאָרטוגאַל, און פֿאַר די יידן וואָס אין מאַראָקאָ, און אויך פֿאַר אונדזערע, וואָס אין אומאַן אַמאָל און וואָס אין אַנדערער ערטער אויך הײַנט... און פֿאַר די יידישע ספֿר־תּורה'ס, וואָס מע האָט צעריסן, און פֿאַר די... אײַ! אײַ! אײַ! גוואַלד! ראַטעוועט! ווער האַלט דאָס מיך פֿאַרן אויער?“...

צוויי רעכטע סטוסאַקעס פֿון הינטן און אַ פּאָר כּפֿול־שמונה־דיקע פּעטש פֿון פֿאָרענט האָבן מיך אין איין כּהרף־עין אויסגעניכטערט, און איך האָב דערזען פֿאַר זיך אַ באַקאַנטן פּאַרשוין, וואָס איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז ס'איז אָכרים דעם באַשטאַנשטשיק.

ג.

אָכרים דער באַשטאַנשטשיק האָט פֿון קדמונים געהאַלטן אַ „באַשטאַן“, אַ גאָרטן, אָדער אַ „באַקטשי“, בײַ אונדז הינטער

דער שטאָט. דאָס הייסט, ער האָט אָפּגעדונגען אַ דעסיאַטינע ערד און דאָרטן פֿאַרפֿירט אַ גאָרטן, געזעצט קאַוועס און דיניעס, אוגערקעס און קאַרטאָפֿליעס, ציבעלעס און קנאָבל און רעטעכלעך און שאַר ירקות, און געהאַט דערפֿון שיין פּרנסה. פֿון וואַנען האָב איך געקענט אָכרימען? ווייל ער האָט מיט אונדז געהאַנדלט, דאָס הייסט, פֿלעגט לייען בײַ מײַן מאַמען געלט אַלע ערבֿ פּסח, און אַרום סוכּות־צײַט פֿלעגט ער אָנהייבן ביסלעכווײַז פֿונעם פּדיון אײַנצאָלן, און דאָס געלט פֿלעגט פֿאַרשריבן ווערן בײַ דער מאַמען אין גראָבן סידור אויף דעם לינקן טאָוול (דאָרט איז געווען איר גאַנצע בוכהאַלטעריע), אין אַ זייט, אָפּגעטראָטן פֿון אָכרימס וועגן אַ באַזונדער פּלאַץ, אַ באַזונדערע קאָנטע, און אָנגעצייכנט פֿון אויבן מיט גרויסע אותיות: חשבון ערל אָכרים. און נאָכדעם איז שוין געגאַנגען די חשבונות: „פֿון אָכרים אַ קערבל. פֿון אָכרים נאָך אַ קערבל. פֿון אָכרים צוויי קערבלעך. פֿון אָכרים אַ האַלב קערבל. פֿון אָכרים אַ זעקל קאַרטאָפֿליעס“. און אַזוי ווײַטער... און כאָטש די מאַמע איז געווען אַ יידענע נישט קיין גבֿירטע, אַן אַלמנה מיט קינדער, און האָט געלעבט פֿון „פּראָצענט“, נאָר בײַ אָכרימען קיין פּראָצענט האָט זי נישט גענומען קיינמאָל: ער פֿלעגט אונדז צאָלן מיט גאָרטנוואַרג, אַמאָל מער, אַמאָל ווינציקער — מיר האָבן זיך מיט אים קיינמאָל נישט געקריגט.

איז געווען אַ גערעט, פֿלעגט ער אַליין אָנשיטן אונדז אַ פֿולן קעלער מיט קאַרטאָפֿליעס און מיט אוגערקעס אויפֿן גאַנצן ווינטער; און אַז נישט — פֿלעגט ער זיך אָפּבעטן בײַ דער מאַמע:

— ניע וויבאַטשאַי, אַוורומיכאַ, באָ נע וורואָדילאָ! — דאָס הייסט: האָב קיין פֿאַראיבל נישט, אַבֿרהמס ווײַב, ס'איז נישט געראָטן! און די מאַמע פֿלעגט אים מוחל זיין דאָס מאָל און אָנזאָגן, אַז, אם ירצה השם, אויפֿן אַנדערן יאָר זאָל ער נישט זיין קיין דבֿר־אַחר. און טאַקע אַזוי פֿלעגט זי אים זאָגן, כּהאי־לישנא ממש:

— גליאַדיזש, אָכרימו סערצע, יאַק באָ דאַסט נאַ טאָי האָד שאָב טי נע בווו סוויניאָ!...

— דאָברע, אַוורומיכאַ, דאָברע! — פֿלעגט איר אָכרים אָפּענטפֿערן און האַלטן וואָרט: די ערשטע גרינע ציבעלעס מיטן ערשטן יונגן קנאָבל האָט ער תּמיד געבראַכט צו אונדז; די ערשטע יונגיטשקע קאַרטאָפֿלעך מיט די ערשטע גרינע אוגערקעס זענען תּמיד געווען בײַ אונדז, גיכער ווי בײַ די נגידים. און איך האָב נישט איין מאָל געהערט פֿון אונדזערע שכנים און שכנהטעס, אַז דער אַלמנה איז גאָר נישט אַזוי שלעכט, ווי זי מאַכט דעם אָנשטעל. „זעט נאָר, מע טראָגט איר אַרײַן אין שטוב פֿון כּל טובֿ“ ... סע פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דאָס באַלד אָפּגעטראָגן דער מאַמען אין אויער אַרײַן. האָט זיי די מאַמע גוט אויסגעשאָלטן: זאַלן זיי אין די אויגן, שטיינער זיי אין האַרצן! ווער סע פֿאַרגינט מיר נישט, דער זאָל אַליין נישט האָבן! איך ווינטש זיי איבער־אַ־יאָר אויף מײַן שטייגער!

סע פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב באַלד איבערגעגעבן אונדזערע שכנהטעס, וואָס די מאַמע האָט זיי געווינטשעוועט... סע פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַר אַזעלכע ווערטער זענען זיי געווען אויף דער מאַמע להרוג ולאַבד און אָנגערופֿן זי מיט אַזאַ נאָמען, וואָס מיר איז געווען אַ חרפּה צו הערן... סע פֿאַרשטייט זיך, אַז מיך האָט דאָס פֿאַרדראָסן און איך האָב דאָס באַלד אָפּגעטראָגן דער מאַמען. האָט מיך די מאַמע מכבד געווען מיט צוויי פּעטש און אָנגעזאָגט, איך זאָל אויפֿהערן אַרומטראָגן „שלח־מנות“, פֿון איינעם צום אַנדערן... פֿון די פּעטש האָב איך געוויינט, און דאָס וואָרט „שלח־מנות“ האָט מיר געפּיקט אין מוח: איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס רופֿט זי דאָס עפּעס „שלח־מנות“?

אַ יום־טובֿ פֿלעגט זיין בײַ מיר, אַז איך פֿלעג דערזען פֿון דער ווײַטן אָכרימען מיט די גרויסע שטיוואַלעס און מיט דער גראָבער ווײַסער, וואַרעמער, וואָלענער סוויטע, וואָס ער האָט זי געטראָגן זומער און ווינטער. דערזען אָכרימען גיין, האָב איך געוווּסט, אַז דאָס טראָגט ער אונדז אַ פֿולע פּעלענע מיט גאָרטן־וואַרג, און איך פֿלעג לויפֿן אין קיך אָנזאָגן דער מאַמע די בשׂורה, אַז אָכרים איז געקומען.

ד.

בכלל דאַרף איך מודה זיין, אַז צווישן מיר מיט אָכרימען איז געווען אַ מין ליבע אַ פֿאַרבאָרגענע, אַ מין סימפּאַטיע, וואָס מע קאָן זי נישט אַרויסגעבן אין ווערטער. גערעדט האָבן מיר צווישן זיך כּמעט קיינמאָל נישט; ערשטנס, דערפֿאַר, וואָס איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען זיין לשון און עד האָט נישט פֿאַרשטאַנען מיין לשון (דאָס הייסט, איך אים האָב פֿאַרשטאַנען, נאָר ער מיך — מכּות!). און, צווייטנס, האָב איך מיך געשעמט: אַזאַ גרויסער אָכרים — ווי אַזוי רעדט מען מיט אים? פֿלעג איך דאַרפֿן אָנקומען צו דער מאַמען, זי זאָל זיין צווישן אונדז דער טאָלמאַטש.

— מאַמע, פֿרעג אים, פֿאַר וואָס ברענגט ער מיר נישט קיין ווײַנשל?

— ווו זאָל ער דיר נעמען ווײַנשל? אין אַ באַשטאַן איז נישטאָ קיין ווײַנשל.

— למאַי איז נישטאָ אין אַ באַשטאַן קיין ווײַנשל?

— וואָרעם אין אַ באַשטאַן וואַקסן נישט קיין ווײַנשל־בוים.

— למאַי וואַקסן נישט אין אַ באַשטאַן קיין ווײַנשל־ביימער?

— למאַי, למאַי — דו ביסט אַ געשלייערטע שיקסע! — מאַכט צו מיר די מאַמע און וואַרפֿט מיר אויף אַ פּאַטש.

אַוורומיכאַ, נע בעיי דעטינאַ! — מאַכט צו איר אָברים און שטעלט זיך אָן פֿאַר מיר.

אָט אַזאַ מין ערל איז געווען אָברים, און בײַ אים בין איך דאָס געלעגן אַצינד אין די הענט.

מיטן שׂכל באַדאַרף מען פֿאַרשטיין, אַז ס'איז מן־הסתּם אַזוי געווען די מעשׂה: אָברים, אַז ער איז אָנגעקומען און דערזען בײַ זיך אויפֿן באַשטאַן אַזאַ חורבן, האָט ער תּחילת באַדאַרפֿט נישט פֿאַרשטיין, וואָס טוט זיך דאָ. דערזען אַזאַ נפֿש, ווי איך, אַרבעט מיט דעם שווערד אויף אַלע זײַטן, האָט אָברים באַדאַרפֿט איבערקלערן אויף מיר מי יודע וואָס: אַ נישט־גוטער, אַ שרעטעלע, אַן אָנשיקעניש, — און האָט געוויס זיך איבערגעצלמט עטלעכע מאָל. נאָר נאָכדעם, אַז ער איז צוגעגאַנגען נעענטער און דערזען, אַז דאָס אַרבעט אַזוי געטרײַ דווקא אַ יידיש ייִנגל, און דווקא מיט אַ הילצערנעם שווערד, האָט ער מיך אָנגענומען בײַם אויער, נאָר אַזוי געשמאַק, אַז עס האָט מיך צוגעצויגן צו דער ערד, און איך האָב אָנגעהויבן שרײַען נישט מיט מײַן קול:

— אײַ! אײַ!! אײַ!!! ווער ציט דאָס מיך פֿאַרן אויער?

ערשט הערט־שפּעטער, נאָך די רעכטע סטוסאַקעס און נאָך די אמתּע פּעטש, וואָס אָברים האָט מיר אײַנגעטיילט, האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט די אויגן און האָבן זיך בײדע דערקענט איינס דאָס אַנדערע, און מיר זענען בײדע געווען איבערראַשט, געבליבן אָן לשון. — אַוורומיכינע דעטינאַ!? — האָט אָברים אויסגעשרײַען און האָט זיך איבערגעצלמט, און האָט גענומען באַטראַכטן די היזקות, וואָס איך האָב אים דאָ אָנגעאַרבעט, באַקוקט יעדע גראַדקע מיט איטלעכס שטיקל ערד, און עס האָט אים אַזוי אָנגענומען בײַם האַרצן, אַז עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגן מיר, צונויפֿגעלייגט בײדע הענט בײַ זיך אויפֿן בויך און אַ פֿרעג געטאָן מיר נאָר איין וואָרט:

— זאַ שטשאָ? — פֿאַר וואָס קומט דאָס מיר, הייסט דאָס...

ערשט דאָ האָב איך צעקײַט, וואָס פֿאַר אַ חתונה איך האָב אָנגעאַרבעט און וועמען איך האָב אַזוי שטאַרק גורם היזק געווען. און איך האָב זיך אַליין געפֿרעגט: „פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס?“...

— כאָדים! — מאַכט צו מיר אָברים און נעמט מיך אָן פֿאַר אַ האַנט, און איך בייג זיך צו צו דער ערד פֿאַר שרעק; איך מיין, אָט־אָט מאַכט ער פֿון מיר אַ פּרעזשעניצע. נאָר אָברים טשעפּעט מיך נישט; ער האַלט מיך נאָר שטאַרק פֿאַר דער האַנט, נאָר אַזוי שטאַרק, אַז עס שפּרינגען מיר די אויגן פֿונעם קאָפּ, און פֿירט מיך אָפּ אַהיים צו דער מאַמע, און דערציילט איר אויס אַלצדינג, און גיט מיך איבער אויף אירע הענט...

ה.

זאָל איך אײַך דערציילן, וואָס איך האָב געהאַט פֿון דער מאַמע? זאָל איך אײַך אויסמאָלן איר שרעק מיט איר כּעס מיט איר ברעכן די הענט, בשעת אָברים האָט איר איבערגעגעבן מיט אַלע פּישטשעווקעס דעם גאַנצן חורבן, וואָס איך האָב אים אָנגעמאַכט אין באַשטאַן? אָברים האָט זיך נישט געפֿוילט, גענומען דעם שטעקן און באַוויזן מיט אים דער מאַמען, ווי אַזוי איך האָב געאַרבעט אַהער און אַהין, אויף אַלע זײַטן, ווי אַזוי איך האָב געהאַקט און געבראָקט און געשטאָכן און געטראָטן מיט די פֿיס, און די קאַרטאָפֿליעס פֿון דער ערד אַרויסגעגראָבן, און די האָדנע פֿון די אוגערקעלעך, נאָר־וואָס אויפֿגעגאַנגענע אוגערקעלעך... און פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען?

— זאַ שטשאָ, אַוורומיכאַ, זאַ שטשאָ?...

מער האָט אָברים נישט געקאָנט רעדן: עס האָבן זיך אים, אַ פּנים, געשטעלט די טרערן אין האַלדז.

דעם רעכטן אמת מוז איך אײַך זאָגן, קינדער: איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין געפּאַטשט פֿון אָברימס הענט, איידער

האָבן דאָס, וואָס איך האָב געהאַט פֿון דער מאַמען פֿ אַ ר שבֿועות און פֿונעם רבין נ אָ ך שבֿועות... הײַנט די בזיונות, וואָס איך האָב נאָכדעם געהאַט אַ גאַנץ קײַלעכיק יאָר פֿון מײַנע חבֿרים אין חדר, וואָס האָבן מיר צוגעזעצט זייער אַ לײַטישן נאָמען: „באַשטאַנשטשיק“, „יאָסל באַשטאַנשטשיק“!... דער דאָזיקער שײנער נאָמען איז מיר פֿאַרבליבן העט־העט כּמעט ביז דער חתונה...

אָט ווי אַזוי איך בין געגאַנגען רײַסן גרינס אויף שבֿועות.